# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

שָׁבוּעוֹת תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 485

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף ספר תהילים

### דער מייסטער שטריק זאל נישט ווערן איבערגעריסן

"נְנַתְּקָה אֶת מוֹסְרוֹתֵימוֹ וְנַשְׁלִיכָה מִמֶּנּוּ עֲבֹתֵימוֹ; יוֹשֵׁב בַּשָּׁמַיִם יִשְׂחָק ה' יִלְעַג לָמוֹ" (ב ג-ד)

פלעגט דער צדיק האדמו"ר רבי יוסף צבי מגרוכוב זאגן:

עס איז ידוע אז דער יסוד און די שורש פון די אמונה איז געוואנדן אין ענטפערן אמן [זעה מער דערוועגן אין מגלה עמוקות פרשת ואתחנן] און ווייל דאס איז דער יסוד היסודות וועלן די רשעים נישט צולאזן אז א איד זאל קענען ענטפערן אמן. זיי וועלן זוכן אפצורייסן דעם איד פון דער אמן און די מלחמה וואס די רשעים פירן קעגן דעם אמן איז מרומז דא אין דעם פסוק. די רשעים זאגן "נְנַתְּקָה אֶת מוֹסְרוֹתֵימוֹ" ווייל די ראשי תיבות פון די דריי ווערטער איז אמן און עס קומט מרמז זיין אז זיי ווילן אונז מנתק זיין פון דעם אמן.

מענין לענין איז אויך כדאי אנצווייזן אויף אן אור אלטע מסורה וואס עס האט אראפגעברענגט דער צדיק הר"י צאלח פון די גדולי חכמי תימן אין זיין פירוש עץ חיים אויפ'ן סידור ביי די פיוט פון אין כאלקינו. דארטן ברענגט ער אז אמאל האט די מלכות הרשעה גוזר געווען אז די אידן מעג'ן נישט ענטפערן אמן.

אין יענער צייט האבן די חכמי ישראל מורא געהאט אז דער זאגן אמן וועט פארגעסן ווערן פון דעם כלל ישראל האבן זיי מתקן געווען דער פיוט פון "אֵין כֵּאלֹקֵינוּ". אין די דריי שטיקלעך פון אין כאלקינו [אין כאלקינו - מי כאלקינו - נודה לאלקינו] איז ראשי תיבות אמן און מיט דעם האבן זיי אפגעהיטן דעם אמן ('גבעת יוסף').

### דוד המלך האט זיך פארלאזט אויפ'ן זכות פון ענטפערן אמן

"אִם תַּחֲנֶה עָלַי מַחֲנֶה לֹא יִירָא לִבִּי אִם תָּקוּם עָלַי מִלְחָמָה בְּזֹאת אֲנִי בוֹטֵחַ; אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה' אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה' וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ" (כז ג-ד)

אין ספר 'תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ' (רַבָּה י) האבן די חכמים גע'דרשנ'ט דער פסוק (שׁוֹפְטִים ה ב): "בִּפְרֹעַ פְּרָעוֹת בְּיִשְׂרָאֵל בְּהִתְנַדֵּב עָם בָּרְכוּ ה'" אז ווען הקב"ה וועט שטראפן די אומות העולם אז זיי האבן געטשעפעט דעם כלל ישראל? ווען עס וועט מקויים ווערן וואס עס שטייט אין פסוק דער בהתנדב עם ברכו השם און ווי חז"ל זאגן אויפ'ן ארט גייט עס ארויף "בִּבְנֵי אָדָם שֶׁמַּשְׁכִּימִים וּמַעֲרִיבִים לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמִּדְרָשׁ וְעוֹנִים אָמֵן..."

## "וַיְבָרֶךְ דָּוִיד אֶת ה'"

מיר שטיין יעצט ערב דעם הייליגן יום טוב שבועות. אין דעם יום טוב שבועות האט כלל ישראל מקבל געווען די תורה, אבער עס איז אויך די יארצייט און די געבורטסטאג פון דוד המלך, דער נעים זמירות ישראל פון וועמענס אור מיר לעבן נאך ביז היינט און פון די כוחות וואס ער האט געשאנקען פאר'ן כלל ישראל, שעפן אונז נאך ארויס ביז צום היינטיגן טאג.

עס איז אוממעגליך אפצושאצן די גרויסקייט פון דוד המלך. זיין צדקות און זיין קדושה איז אין לשער, אבער ווען מען קוקט אן די ירושה וואס ער האט איבערגעלאזט פאר'ן כלל ישראל באגעגענען מיר זיך מיט צוויי הויפט נקודות וואס באגלייט אונז נאך ביז'ן היינטיגן טאג און די צוויי נקודות ווערן אראפגעברענגט אין די פסוק אין שמואל [ב. כג. א] וואו עס שטייט אויסגערעכענט די מעלות פון דוד המלך. דער פסוק זאגט אונז דארט אז דוד המלך איז געווען דער וואס האט "הֻקַם עָל מְשִׁיחַ אֱלֹהֵי יַעֲקֹב וּנְעִים זְמִרוֹת יִשְׂרָאֵל".

אין דער פסוק איז מרומז די די צוויי אוצרות וואס דוד המלך האט איבערגעלאזט פאר די וועלט לדורות עולם. איין ירושה איז די הייליגע ספר 'תהלים' - די זמירות ישראל וואס מיר זאגן אין יעדער צייט, די צווייטע מתנה איז די מאה ברכות וואס איז מרומז אין דער ווארט "הֻקַם עָל" ווייל 'על' באטרעפט הונדערט כמנין די מאה ברכות. (במ"ר יח כא).

מיט ביידע מתנות באנוצט זיך כלל ישראל און שעפט ארויס פון דעם אויסטערלישע כוחות הנפש והגוף. דער ספר תהלים געבט אונז דער כח צו קענען לויבן און דאנקען השי"ת, מיר האבן אין איר תהלים און מיר זענען מתפלל מיט איר אין יעדן מצב, אין יעדע סיטואציע וואו מיר געפינען זיך. די הייליגע מזמורים זענען דא אז א איד אין יעדע צייט זאל קענען מעומק הלב ארויסברענגען זיין ווייטאג און דאגעגן זיין הודאה צו הקב"ה.

עס איז שוין אריבער טויזנטע יארן פון ווען מיר האבן באקומען די מתנה אבער מיט דעם אלעם איז עס דא מיט אונז און עס באגלייט אונז איבעראל אין יעדע צייט און אין יעדע אומשטאנד.

אויך די צווייטע מתנה, די מאה ברכות וואס חז"ל זענען אונז מגלה (במ"ר שָׁם) אז דוד המלך האט עס מתקן געווען איז דא מיט אונז איבעראל יעדן טאג פון יאר.

ווי חז"ל דערציילן אונז האט דוד המלך מתקן געווען די תקנה פון מאה ברכות אין ליכט פון א מגיפה וואס האט אויסגעבראכן אין זיינערצייט. בימים ההם זענען טאג טעגליך געשטארבן הונדערט אידן פון די מגיפה און פון הימל האט מען מגלה געווען פאר דוד המלך מיט רוח הקודש, אז די מגיפה איז אן עונש פאר'ן כלל ישראל אז זיי דאנקען נישט געווג און ריכטיג פאר הקב"ה. ווען דוד המלך האט דאס געהערט האט ער געמאכט די תקנה אז מען זאל מאכן מאה ברכות יעדן טאג און די מגיפה האט זיך אפגעשטעלט.

## פרנחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

פון דעמאלטס אן, ביז צום היינטיגן טאג, איז כלל ישראל מקפיד צו מאכן טעגליך הונדערט ברכות און אזוי ארום זענען מיר זוכה צו ווערן באשוצט פון אלע צרות און אלע מזיקים.

נישט נאר פון גשמיות'דיגע מזיקים ווערן מיר אפגעהיטן דורך די מאה ברכות, נאר אויך פון רוחניות'דיגע סכנות ווערן מיר באשוצט דורך די הונדערט ברכות.

ווען דוד המלך האט מתקן געווען די תקנה אז מען זאל מאכן יעדן טאג הונדערט ברכות האט ער עס מייסד געווען אויפ'ן פסוק אין די תורה [דברים י. יב און זעה דערוועגן רש"י אין מנחות מג. ב] "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה [מֵאָה] ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה" און ווייל דער פסוק רעדט דארט פון יראת שמים זעען מיר אז די מאה ברכות ווארצלען איין אין א איד יראת שמים און יראת שמים איז די בעסטע באשוצער קעגן יעדע רוחניות'דיגע שטער.

די היינטיגע וועלט איז פול מיט סכנה. די סכנות און די מגיפות לאקערן אונז נאך און ווילן אונז פוגע זיין סיי בגוף און סיי בנפש און די בעסטע שמירה איז די שמירה עליונה וואס מיר האבן באקומען פון דוד המלך, דער מלך ישראל, צו זאגן טאג טעגליך הונדערט ברכות.

אין אזא טאג, ווען מיר פראווענען זיין יארצייט, וועלן מיר זיך פארנעמען מקפיד צו זיין אויף דעם ביתר שאת וביתר עז. ווי מיר ווייסן שוין איז א שלימות'דיגע ברכה אזא ברכה וואס מען ענטפערט אויף איר אמן און וועגן דעם ווען מיר זיכערמאכן אז ווען מיר מאכן א ברכה זאל עס ווערן געמאכט ווען עס שטייט דארט א צווייטער וואס וועט ענטפערן אויף איר אמן און יהי רצון אז מיר זאלן זוכה זיין אז עס זאל זיין ברכת השם עלינו און מיר זאלן ניצול ווערן פון אלע שלעכטס און געהאלפן ווערן מיט אלע ענינים בזכות פון דוד המלך עליו השלום אמן.

**מיט א קריאה פון "מֵאָה ה' שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ"**

**און מיט א ווינטש איר זאלט האבן א לעכטיגן שבת און א לעכטיגער יום טוב**

*יעקב דוד מארמארשטיין*

אויף דעם פלעגט מען מפרש זיין דער צדיק ר' חיים פלאגי זצ"ל אז די בחינה האט דוד המלך מרמז געווען זאגנדיג "אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה'... שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי" און שפעטער פירט ער אויס דער "אִם תָּקוּם עָלַי מִלְחָמָה בְּזֹאת אֲנִי בוֹטֵחַ". דוד המלך זאגט פאר'ן כלל ישראל אז ווייסט פארוואס איך בין מצליח ביי מיינע מלחמות און איך דערנידער דעם שונא ווייל עס איז דא ביי מיר דער "אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה'... שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי" , ווי דער דערמאנטער מאמר חז"ל אז הקב"ה וועט באצאלן פאר די רשעים בשכר אז די אידן זענען משכים ומעריב אין די שולן און ענטפערן אמן בבית השם ('לוח ארז על תנד"א שם).

## דער וואס ענטפערט אמן איז זוכה אריינצוגיין אין איין מחיצה מיט די חסידים

"לַמְנַצֵּחַ עַל הַשְּׁמִינִית מִזְמוֹר לְדָוִד; הוֹשִׁיעָה ה' כִּי גָמַר חָסִיד כִּי פַסּוּ אֱמוּנִים מִבְּנֵי אָדָם" (יב א-ב)

רבי חיים כץ, אן אייניקל פון דער סמ"ע, שרייבט אז ווען דוד המלך האט געשריבן דעם מזמור האט ער מכוון געווען קעגן די וואס זענען זוכה צו ענטפערן.

דער מזמור הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'למנצח על השמינית' און השמינית טייטש דער נומער אכט און דאס איז מרמז אויף אמן ווייל 'אמן' באטרעפט כמנין די צוויי שמות הויה מיט א-ד-ני- און אלעס אינאיינעם האבן זיי אכט אותיות.

דער זוה"ק אין פרשת תרומה [קעח א] ברענגט אראפ אז ווער עס איז מקפיד צו ענטפערן אמן מיט כוונה וועט זוכה זיין לעולם הבא, צו זיין אין איין מחיצה מיט די צדיקים. ער לייגט צו אז ער וועט זוכה זיין דערצו אפילו אויב ער האט נישט עוסק געווען בתורה כל צרכו און דאס האט דוד המלך געבעטן אין תהלים אז אפילו עס וועט אנקומען א מצב אז גָמַר חָסִיד וּפַסּוּ אֱמוּנִים מִבְּנֵי אָדָם אז עס וועט נישט זיין קיין חסיד און אויך וועט זיין פסו אמונים - אז עס וועט נישט זיין אזאנע וואס זענען מקפיד צו ענטפערן אמן מיט כוונה, אז זיי זאלן זוכה זיין אריינצוגיין אין איין מחיצה מיט די חסידים, דאך הושיעה השם, העלף זיי באשפער.('ארץ החיים')

## דוד המלך האט געענטפערט אמן פון קליינווייז אן

"לוּלֵא הֶאֱמַנְתִּי לִרְאוֹת בְּטוּב ה' בְּאֶרֶץ חַיִּים" (כז יג)

דער בעל שבט מוסר רבי אליהו הכהן מאיזמיר זאגט אז אין דעם פסוק פון לולא האמנתי איז דוד המלך מעיד אויף זיך אליין אז פון קליינווייז אן איז ער געווען נזהר צו ענטפערן אמן.

ווייל חז"ל זאגן אין (סַנְהֶדְרִין קי ב) אז אויך א קטן מישראל איז זוכה לחיי העולם הבא און די גמרא שמועסט אויס אז וועלכער מצוה האט דען א קטן מישראל און חז"ל זאגן אז ער האט די מצוה פון ענטפערן אמן און ווייל מיט'ן ענטפערן אמן איז מען זוכה צו חיי עולם הבא, איז א קטן זוכה צו חיי עולם הבא.

און דאס האט דוד המלך מרמז געווען אין דער פסוק "לוּלֵא הֶאֱמַנְתִּי" ווען איך וואלט זיך נישט צוגעוואוינט פון קליינווייז אן צו ענטפערן נאך יעדע ברכה וואלט איך נישט זוכה געווען צו "לִרְאוֹת בְּטוּב ה' בְּאֶרֶץ חַיִּים", ווייל אין די זכות פון ענית אמן איז מען זוכה לחיי העולם הבא ('מנחת אליהו פרק לב).

## דער וואס ענטפערט 'אמן' ווערט געבענטש מפי עליון

"אֶקְרָא לֵאלֹקִים עֶלְיוֹן לָאֵ-ל גֹּמֵר עָלָי" (נז ג)

די סופי תיבות פון דער פסוק "אֶקְרָא לֵאלֹקִים עֶלְיוֹן" איז אמן.

דער בעל משנת חסידים רבי עמנואל חי ריקי שרייבט אז דוד המלך האט אין דעם פסוק געזאגט אז ווען ער הערט א מענטש איז קורא מיט א ברכה צום באשעפער און מיט דער ענטפער איז ער מכתיר כביכול אלץ אן 'עליון' אויף אלעס וועל איך ענטפערן אמן אויף די סיום פון די ברכה ('חזה ציון').

עס איז דא וואס זענען מוסיף אויף זיינע ווערטער וואס עס שטייט ווייטער אין פסוק "לָאֵל גֹּמֵר עָלָי" אז עס קומט ארויסצוברענגען די חשיבות פון מקפיד זיין אויף עניית אמן כהלכה, אז מען זאל גלייך ענטפערן אמן, ווייל אויב מען ענטפערט נישט גלייך, קען מען נכשל ווערן אין אן אמן יתומה. אויך אז מען זאל נישט זאגן צופרי' קיין אמן און נכשל ווערן אין אן אמן חטופה, נאר גלייך ווען מען ענדיגט די ברכה, זאל מען ענטפערן אמן ('חיים וחסד').

נאך א רמז וואס מען קען זאגן אין די ווערטער "אֶקְרָא לֵאלֹקִים עֶלְיוֹן" אז עס קומט מרמז זיין צו וואס די חכמים האבן געזאגט אז (בְּרָכוֹת נג ב): "גָּדוֹל הָעוֹנֶה אָמֵן יוֹתֵר מִן הַמְבָרֵךְ" אז דער וואס ענטפערט אמן שטייט העכער ווי דער מברך און דאס איז דער 'עליון' וואס איז מרומז אין דער פסוק ('אוצר תהלות ישראל').

## קָלוֹן לַמְזַלְזְלִים בַּעֲנִיַּת אָמֵן

"מַלֵּא פְנֵיהֶם קָלוֹן וִיבַקְשׁוּ שִׁמְךָ ה'" (פג יז)

דער זוה"ק זאגט (וַיֵּלֶךְ רָפָה ב) אז ווער עס הערט ווי איינער מאכט א ברכה און ער האט נישט אינזינען ווען ער ענטפערט אמן זאגט אויף אים דער פסוק אין (שְׁמוּאֵל־א ב ל): "וּבֹזַי יֵקָלּוּ".

דער רמ"ז אין זיין פירוש אויפ'ן זוה"ק געט צו פארשטיין דער מאמר לויט וואס דער אריה"ק זאגט אין פרי עץ חיים [שער כוונת אמן] אז די סופי תיבות פון די ווערטער אין תהלים (פג יז): "מַלֵּא פְנֵיהֶם קָלוֹן" איז אמן און עס קומט זאגן אז ווער עס איז מזלזל אין אין ענטפערן אמן זענען נידון לקלון, ווי דער פסוק זאגט "וּבֹזַי יֵקָלּוּ".

לייגט צו דערויף דער חוסטער דיין רבי יעקב קטינא אז אין דער פסוק איז אויך מרומז די גרויסע קלון און די בושה וואס וועט זיין בעולם העליון פאר דער וואס האט נישט מקפיד געווען צו ענטפערן, ווייל מען האבן אויף אים טענות אז עס איז דאך אזא גרינגע מצוה, עס קומט נישט אן שווער און ווי זיין לשון איז 'מה עבודה היא' און וואס וועט מען ענטפערן למעלה ווען מען וועט פרעגן פארוואס האסטו נישט געענטפערט קיין אמן? ('רחמי האב' אות נו).

## די כח וגבורה פאר די וואס ענטפערן אמן

"אֹהֲבֵי ה' שִׂנְאוּ רָע שֹׁמֵר נַפְשׁוֹת חֲסִידָיו מִיַּד רְשָׁעִים יַצִּילֵם" (צז י)

די חכמים [ברכות נג. ב] האבן צוגעגליכענט די וואס ענטפערן אמן צו די אויסגעצייכענטע זעלנער אין די מיליטער וועלכע געווינען אייביג ביי א מלחמה. מען קען זיך ארויסלערנען פון דעם אז ווער עס איז זוכה צו ענטפערן אמן איז אויך זוכה אז ער איז זיך מתגבר געווען אויף זיין יצר הרע און איז אים כובש, ווייל איינצונעמען דער יצר הרע פעלט זיך אויס גבורה, ווי חז"ל זאגן שוין אין אבות [ד. א] אֵיזֶהוּ גִּבּוֹר - הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ.

א רמז דערצו האט געזאגט האדמו"ר רבי יוסף צבי מגרוכוב אז די גימטריא פון די סופי תיבות פון דער פסוק אֹהֲבֵי הוי"ה שִׂנְאוּ רַע איז ווי די גימטריא פון דער ווארט 'אמן' און עס קומט מרמז זיין אז ווער עס ענטפערט אמן איז הקב"ה משפיע אויף אים כח ער זאל קענען פיינט האבן די רע ('גבעת יוסף').

## די שאלה און די תשובה פון רבי מאיר

"בַּמֶּה יְזַכֶּה נַּעַר אֶת אָרְחוֹ לִשְׁמֹר כִּדְבָרֶךָ" (קיט ח)

אויף די שאלה וואס די גמרא פרעגט (סַנְהֶדְרִין קי ב) קָטָן מֵאֵימָתַי בָּא לָעוֹלָם הַבָּא?" האט רבי מאיר געענטפערט "מִשָּׁעָה שֶׁיֹּאמַר אָמֵן".

זאגט דערויף רבי דוד צבאח דער ראב"ד פון די שטאט מאקנאס אז אין דעם פסוק קען מען טרעפן די שאלה און די תשובה וואס די גמרא פרעגט. דוד המלך פרעגט בַּמֶּה יְזַכֶּה נַּעַר אֶת אָרְחוֹ מיט וואס איז א קינד זוכה אז זיין וועג זאל זיין אויסגעטרעטן צו חיי העולם הבא און ער ענטפערט לִשְׁמֹר כִּדְבָרֶיךָ אויב דאס קינד וועט ענטפערן אמן כראוי, ווייל אז מען ענטפערט אמן כראוי גייט מען אריין אין כלל פון א צדיק ווי עס שטייט אין פסוק גוֹי צַדִּיק שֹׁמֵר אֱמֻנִים" (יְשַׁעְיָה כט ב) ('משכיל לדוד').



# די וואונדערליכע ישועה – אין די שפעטע נאכט שעה'ן

עס איז געווען אין די צופרי' שעה'ן ווען דער בעל יסוד העבודה פון סלאנים, רבי אברהם, איז געזעסן אין זיין פריוואטער צימער און איז געווען פארטיפט אין א שווערע סוגיא, ווען פלוצלונג האט זיך די טיר געעפענט און ביים שוועל איז געשטאנען א יונגער דערשראקענער בחור.

"רבי, ראטעווע". האט דער בחור געשריגן און מיט א געשטיקטער קול האט ער אראפגעלייגט זיין ביטערן מצב.

אין די לעצטע שעה'ן האט ער דערהאלטן א בריוו פון די רוסישע מיליטער. אין די בריוו איז געשטאנען אז ער מוז זיך קומען שטעלן פאר די מיליטער. עס איז ליידער נישט קיין סוד אז אין די רוסישע מיליטער קען מען נישט לעבן ווי א איד. ער ווייסט נישט ווי אזוי קען ער זיך אן עצה געבן. ווי אזוי ווערט ער פטור פון די ביטערע צרה וואס הויערט אויף זיין קאפ.

דער רבי האט אויסגעהערט דעם בחור. א טיפער קרעכץ האט זיך ארויסגעריסן פון זיין הארץ. ער איז געווארן פארזינקען אין זיינע געדאנקען און נאך א שטיק צייט האט ער זיך געגעבן א וועק אויף און זיך געגעבן א רוף אן:

"הער זיך איין, אויב ווילסטו אננעמען מיין עצה, זאג איך דיר אז צוויי טעג איידער די דאטום ווען דו דארפסט זיך שטעלן אין מיליטער, זאלסטו אויף זיין אגאנצער נאכט און אויסזאגן תהלים בתפלה ובתחנונים און זיכער וועט הקבּ"ה דיר העלפן און דיר ראטעווען פון יעדע צרה וצוקה.

דער בחור האט גלייך צוגעשאקלט מיט'ן קאפ אבער ער האט זיך געוואונדערט איבער די מאדנע באפעל פון דעם רבי'ן. נארמאל וואלט דער רבי אים געדארפט אנזאגן ער זאל זיין אויף א נאכט פאר ער דארף זיך שטעלן אין מיליטער, אבער דא זאגט אים דער רבי אן ער זאל זיין אויף צוויי נעכט בעפאר. אבער אז דער רבי הייסט ליגט דא זיכער א טיפע כוונה און ער האט מקבל געווען די ווערטער פון דעם רבי'ן און עס אויסגעפאלגט.

צוויי נעכט בעפאר ער האט זיך געדארפט שטעלן צום מיליטער איז ער אויף געבליבן אגאנצער נאכט און אנגעהויבן זאגן תהלים מיט תחנונים, מיט געוויין, ווען ער בעט זיך צו הקבּ"ה זאגנדיג די מזמורים פון דוד המלך, אז ער זאל געראטעוועט ווערן פון די ביטערע גזירה וואס שוועבט אויף זיין קאפ.

עס איז געווען אביסל נאך חצות הלילה, דער בחור איז שוין געווען פארזינקען אין זאגן תהלים, ווען פלוצלונג קלאפט מען איר. דער בחור האט אוועקגעלייגט אין די זייט דער תהלימ'ל און זיך געאיילט צועפענען די טיר. ער עפענט די טיר און ביים שוועל איז געשטאנען דריי זעלנער אנגעטון מיט מיליטערישע מונדירן, אויף זייערע פלייצעס איז געלעגן אסאך מעדאלן, א צייכן אז זיי זענען געערטע גענעראלן אבער זיי האבן אויסגעזען שרעקליך, זיי זענען געווען געפרוירן פון קעלט און זיי האבן געבעטן צי זיי קענען אריינקומען אין שטוב.

דער בחור האט געעפענט ברייט די טירן און זיי אריינגערופן אריינצוקומען אינעווייניג. אין שטוב האט ער אנגעווארעמט די אויוון און אויפגעקאכט הייסע טיי און זיי מכבד געווען מיט איבערבייס, וואס עס איז געווען אין שטוב.

ווען זיי זענען געקומען צו זיך האבן זיי דערציילט אז זיי קערן זיך יעצט צוריק פון א מיליטערישע מיסיע אין די געגענט. זייער פלאן איז געווען אנצוקומען צו די נאנטע מיליטערישע באזע אבער זייענדיג אונטערוועגנס האט פלוצלונג אויסגעבראכן א שטורעם, עס האט אנגעהויבן גיין א שווערע שניי און זיי האבן נישט געקענט ווייטער גיין אין זייער וועג.

זייער וואגן איז געבליבן שטעקן אויפ'ן וועג און זיי  האבן איר געמוזט איבערלאזן זוכנדיג וואו זיי וועלן קענען נעכטיגן אויף דערווייל ביז ווען די שווערע וועטער וועט איינשטילן. אזוי זוכנדיג נאך א גוטע אכסניא האבן זיי באמערקט פונדערווייטענס אז עס ברענט א ליכט און האבן אנגעקלאפט אין איר האפענענדיג אז מען וועט זיי ארייינלאזן אין שטוב, ביז ווען די שווערע וועטער וועט ווערן איינגעשטילט.



נאכ'ן אפענדיגן עסן האבן זיי געפרעגט אויב זיי קענען איבערנעכטיגן דא אין די שטוב. דער בחור האט זיי אנגעגרייט דריי בעטן און גוט אנגעהייצט די שטוב. עס האט נישט געדויערט לאנג, די מיליטערלייט האבן געענדיגט זייער מאלצייט און האבן זיך אויסגעלייגט אויף זייערע בעטן און זענען פארזינקען געווארן אין א טיפער שלאף.

ווען זיי זענען שוין טיף געשלאפן איז דער בחור צוריק צו זיין תהלימ'ל און ווייטער ממשיך געווען צו זאגן תהלים מיט גרויס ברען און גרויס כוונה.

צופרי', ווען די זון האט אויפגעשיינט און עס איז געווארן ווארעמער, זענען די זעלנער אויפגעשטאנען און זיך געגרייט ווייטער צוגיין אין זייער וועג. איידער זיי האבן פארלאזט דעם שטוב האבן זיי זיך ווארעם באדאנקט פאר דעם בחור אז ער האט זיך אזוי איבערגעגעבן פאר זיי און זיי באזארגט מיט אלעס וואס זיי האבן נאר געדארפט האבן.

די צוויי טעג איז אריבער און מיט ציטערדיגע הענט האט זיך דער בחור געשטעלט אין די מיליטערישע ביורא'ען און זיך פארגעשטעלט ווער ער איז און אז ער איז דא נאכ'ן דערהאלטן די איינלאדונג פון די מיליטער. דער סדר אין די מיליטער איז געווען אז צום ערשט האט מען געשיקט דעם בחור צו די מיליטערישע דאקטאר ער זאל אים אונטערזוכן צי ער איז געזונט. דער דאקטאר האט אים אונטערגעזוכט און פעסטגעשטעלט אז דער בחור איז געזונט און שטארק און ער קען דינען אין די מיליטער, ער וועט זיין א געזונטער בחור אין די מיליטער פון דעם צאר.

דער דאקטאר האט אונטערגעשריבן דעם בריוו און עס געשיקט פאר'ן אפיציר און מען האט אנגעהויבן אריינעמען דער בחור אין די מיליטער.

דער בחור האט זיך גערוקט ווייטער אין די רייע. עס האט אויסגעזען ווי אט אט און מען גייט אים אנקליידן מיט מיליטערישע קליידער אבער דער בחור איז נישט געווען געפאלן ביי זיך, ער האט זיך זיך געשטארקט אז די כח פון דעם צדיק וועט אים באגלייטן, דער רבי האט דאך צוגעזאגט אז אויב ער וועט אויספאלגן וואס ער הייסט וועט ער געראטעוועט ווערן פון די מיליטער און ער האט נישט וואס צו זארגן און אזוי וועט טאקע זיין.

מיט ציטערדיגע הענט האט דער בחור דערלאנגט דעם בריוו פאר'ן אפיציר און דער אפיציר האט אים געגעבן א שטיקל שמועס איבער זיין אויפגאבע אין די מיליטער און אים צוגעוויזן וואו זיין  בעט איז און אין וועלכע בריגאדיע ער גייט דינען.

אנקומענדיג צו דער עס זאל האט ער זיך מיטאמאל באגעגנט מיט א באקאנטער פנים. ווען זיין באגלייטער האט באגעגנט דעם באקאנטן פנים איז ער שטיין געבליבן אויף זיין פלאץ און אים גראטולירט, אלץ דער הויפט קאמאנדיר פון די מיליטערישע באזע.

דער אפיציר איז געווען איינער פון די מיליטערלייט וואס זענען יענע נאכט געווען ביי אים אין שטוב. ווען דער אפיציר האט אים געזען האט ער גערופן זיין באגלייטער און אים געהייסן גיין אין א זייט און נאכ'ן רעדן מיט אים א מינוט איז דער באגלייטער אוועק.

"קום נאך מיר". האט דער הויפט אפיציר געוויזן פאר'ן בחור

דער בחור האט אים נאכגעפאלגט. אינאיינעם זענען זיי אריין אין א זייטיגער צימער. דארטן האט דער אפיציר אים געבעטן זיינע פאפירן און אויפ'ן ארט האט ער צעריסן די באשטעטיגונג פון דעם דאקטאר און אים געגעבן א צעטיל וואס באפרייט אים פולקאם פון די מיליטער.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז איינער פון די מיליטערלייט וואס האבן גענעכטיגט ביי דעם בחור אין שטוב, אין די נאכט ווען דער רבי האט געהייסן אויפבלייבן האט געדינט אלץ דער אפיציר פון די באזע און זייענדיג דער בחור דא און וויסענדיג אז ער וויל נישט דינען אין מיליטער האט ער אים געגעבן א באפרייאונג פון מיליטער.

'טיב ההתחזקות', תפלה עמ' תשכט

# דער אמן ארום די יאר

## ווערטער איבער די חשיבות פון אמן געבינדן מיט דער יום טוב שבועות

## דער קשר צווישן 'אמן' און 'אמונה'

די ערשטע מצוה פון די עשרת הדברות איז די מצוה פון אמונה. (רַמְבַּ"ם סֵפֶר הַמִּצְווֹת מ"ע א; סֵפֶר הַחִנּוּךְ כה). אנדערש ווי אלע אנדערע מצות וואס זענען געבינדן צו א צייט אדער איז אנגעוויזן אין געוויסע זאכן ווי אין א פלאץ גייט די מצוה אן שטענדיג, אין יעדע צייט. ווען א איד טראכט פון מציאות השם איז ער מקיים די מצוה פון אמונה.

דער אור זרוע [א קמ] זאגט אז ווען דעם האבן די חכמים נישט מתקן געווען קיין ברכה פאר די מצוה פון אמונה ווייל מען האט נישט מתקן געווען קיין ברכה נאר פאר א מצוה וואס קומט פון צייט צו צייט, ווייל די ברכה פון די מצוה געט ארויס די חביבות המצוה און דאס איז נאר דא ווען די חיוב המצוה באנייעט זיך פון צייט צו צייט, אבער ביי א מצוה וואס איז אייביג דא און מען דארף עס אייביג מקיים זיין איז נישט דא די סארט זאך.

אבער טראץ וואס ווי געזאגט האט מען נישט מתקן געווען קיין ברכה פאר די מצוה איז אבער די מצוה פון ענטפערן אמן נאך אלע ברכות און אלע תפילות ווען די אמונה און ווי דער רבינו בחיי זאגט [שמות יד. א] אז ווייל אמונה איז די יסוד פון די גאנצע תורה, האבן חז"ל מתקן געווען אז מען זאל ענטפערן אמן ווייל אין דער ווארט 'אמן' איז דא א משמעות פון 'אמונה' און 'הודאה', ווייל דער מקבל איז מקבל אויף זיך די ווערטער פון דעם מברך און איז מודה אויף איר.

אין די משמעות פון אמן קען מען אויך טרעפן אן אמונה מוחלטת אין דעם בורא עולם. ווען די גמרא רעדט פון דעם אין מסכת שבת [קיט ב] און פרעגט וואס איז דאס אמן ענטפערט די גמרא אז אמן איז די ראשי תיבות פון א-ל מלך נאמן און ווי רש"י אויפ'ן ארט געט צו פארשטיין [ד"ה א-ל] אז דער וואס ענטפערט אמן איז מעיד אויפ'ן בורא כל העולמים אז ער איז א א-ל מלך נאמן.

אויך ווען דער שלחן ערוך שמועסט אויס די באדייט פון דער ווארט אמן שמועסט ער אויס אז אין די ווארט ליגט אויסגעשמועסט אז דער איד וואס זאגט עס איז מאמין אין די זאך און ווי עס איז דער לשון אין שלחן ערוך [או"ח קכד. ו] "וְיַעֲנוּ אָמֵן אַחַר כָּל בְּרָכָה, בֵּין אוֹתָם שֶׁיָּצְאוּ יְדֵי תְּפִלָּה, בֵּין אוֹתָם שֶׁלֹּא יָצְאוּ, וּבְכַוָּנָה שֶׁיְּכַוֵּן בְּלִבּוֹ: אֱמֶת הִיא הַבְּרָכָה שֶׁבֵּרֵךְ הַמְבָרֵךְ וַאֲנִי מַאֲמִין בְּזֶה".

•

## מען האט געענטפערט אמן ביים מעמד הר סיני

רַשִׁ"י געט צו פארשטיין (שְׁמוֹת כ א, ע"פ מְכִילְתָּא מס' דְּבְחֹדֶשׁ ד) אז נאך יעדע מצוה פון די עשרת הדברות וואס כלל ישראל האט געהערט אויפ'ן בארג סיני האבן זיי געענטפערט 'הן' און נאך יעדע לא תעשה האבן זיי געזאגט 'לאו'.

דער מדרש (ילק"ש ירמיה רסו) זאגט אז די ערשטע צוויי דברות זענען געזאגט געווארן כאחד. אויב אזוי שטעלט זיך די פראגע וואס האט כלל ישראל געענטפערט נאך זיי. צי האבן זיי געענטפערט 'הן' אדער 'לאו'?

זאגט דער סלאנימער רבי' דער 'בית אברהם':

אז די כוונה פון רש"י איז נישט אז זיי האבן געענטפערט מפורש 'הן' אדער 'לאו' נאר אז נאך יעדע דיבור האבן זיי געזאגט אמן און דער אמן איז געווען גערעכענט פאר זיי אזוי ווי זיי האבן געענטפערט 'הן' אדער 'לאו' נאך די דיבור, ווייל די תכלית פון אלע מצות איז מזכך צו זיין דער מענטש און מגלה צו זיין די אמונה וואס ליגט אין הארץ פון א איד [זעה רמב"ן שמות יג, טז] און דער אמן האט דאך אין זיך א משמעות פון אמונה, קומט אויס אז ווען א איד זאגט אמן טוט ער מיט דעם באשטעטיגן די קבלת עול התורה והמצות און די תכלית קומט ארויס פון עס מקיים זיין.

לויט ווי מיר שמועסן איז זייער געשמאק די לשון פון רבי יהודה הלוי אין די פייט 'יונה מצאה'. דארטן שרייבט ער "וּבָאוּ כֻּלָּם בִּבְרִית יַחַד, נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע אָמְרוּ כְּאֶחָד, וּפָתְחוּ וְעָנוּ ה' אֶחָד".

לכאורה איז שווער וואו טרעפט מען אז כלל ישראל האט געענטפערט השם אחד ביים מעמד הר סיני? אבער ווי געשמועסט, פארשטייט מען עס זייער גוט, אז ווייל זיי האבן געזאגט אמן, האבן זיי מיט דעם ארויסגעגעבן זייער שטארקע אמונה אין השי"ת און עס איז געווארן גערעכענט פאר זיי ווי מען האט געזאגט "ה' אֶחָד" (בֵּית אַבְרָהָם, מִכְתְּבֵי קֹדֶשׁ יב).

•

## אמן מן התורה ביי ברכות התורה

אין מסכת ברכות (כא א) לערנען חז"ל ארויס די ברכה פון ברכת התורה פון דער פסוק (דְּבָרִים ח י): "כִּי שֵׁם ה' אֶקְרָא הָבוּ גֹדֶל לֵאלֹקֵינוּ". רש"י אויפ'ן ארט געט צו פארשטיין (שָׁם ד"ה כִּי) אז איידער משה רבינו האט אנגעהויבן זאגן די שירה האט ער געזאגט פאר אידישע קינדער "כִּי שֵׁם ה' אֶקְרָא" - אז איידער איך וועל אנהייבן זאגן תורה וועל איך רופן בשם השם, אז איך וועל זאגן ברכת התורה און דאס איז מרומז אין דער פסוק כי שם השם אקרא און איר וועט ענטפערן אמן און דאס איז מרומז אין די צווייטע חלק פון פסוק "הָבוּ גֹדֶל לֵאלֹקֵינוּ".

אין די ראשונים איז דא א מחלוקה צי די דערמאנטע דרשה איז א דרשה גמורה. לויט דעם קומט אויס אז די חיוב פון ברכת התורה איז א חיוב גמור אדער איז עס א אסמכתא בעלמא און ברכת התורה איז א דרבנן. דער רַמְבַּ"ן (שִׁכְחַת הָעֲשִׂין מִצְוָה טו) שרייבט אז ברכת התורה איז מדאורייתא און רעכענט עס אריין אין זיינע מצות אבער דער רמב"ם האלט אז עס איז מדרבנן.

זאגט דער הַ'פְּרִי מְגָדִים' אז לויט דער רַמְבַּ"ן אז דער ציווי פון כי שם השם אקרא איז מן התורה קומט אויס אז אויך דער צווייטער חלק פון דעם פסוק 'הבו גודל לאלקינו' וואס רעדט זיך פון ענטפערן אמן איז א דאורייתא און ווער עס הערט א ברכה און ער ענטפערט אמן איז מבטל א מצוה מן התורה.

פסק'נט דער פרי מגדים אז ווען עס שטייט פאר א מענטש צוויי מענטשן און איינער וויל מאכן ברכת התורה און די צווייטע וויל זאגן אן אנדערע ברכה דארף מען הערן ברכת התורה, ווייל מיט'ן ענטפערן אמן אויף ברכת התורה, איז מען מרוויח א מצות עשה מן התורה.

('תֵּבַת גֹּמֶא' [לְבַעַל הפמ"ג] דְּבָרִים לב ג; 'פְּרִי מְגָדִים' א"א רטו ו).